**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/04/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 739 מיליאן דאלארדיגער KEW GARDENS אינטערטשעינדזש פראיעקט געוואונט אויסצייכענונג פון די אמעריקאנע אסאָסיעישען פון סטעיט הייוועי און טראנספארטאציע בעאמטע

### *NYSDOT פראיעקט געוואונט ראיאנישע אויסצייכענונג אין 2023 אמעריקע'ס טראנספארטאציע אויסצייכענונגען פארמעסט אין "בעסטע באנוץ מיט טעכנאלאגיע און ערפינדונגען - גרויסער פראיעקט" קאטעגאריע*

***זעהט ווידעאו פון אינטערטשעינדזש'ס פארענדיגונג דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א גרויסארטיגער פראיעקט וואס איז לעצטנס פארענדיגט געווארן דורך די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז באעהרט געווארן מיט אן אויסצייכענונג אין די 2023 אמעריקע'ס טראנספארטאציע אויסצייכענונגען ( America's Transportation Awards) פארמעסט. די Kew Gardens אינטערטשעינדזש איז אויסגערופן געווארן אלץ געווינער פון די צפון-מזרח אסאָסיעישען פון סטעיט טראנספארטאציע בעאמטע ( Northeast Association of State Transportation Officials, NASTO) פאר די "בעסטע באנוץ מיט טעכנאלאגיע און ערפינדונגען - גרויסער פראיעקט" קאטעגאריע. היי יאר האבן 36 סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענטס זיך באטייליגט אין די פארמעסט, נאמינירנדיג 81 פראיעקטן אין סך הכל. די אויסצייכענונג איז פרעזענטירט געווארן ביי די NASTO יערליכע באגעגעניש אום יולי 11 אין ווילמינגטאן, דעלעווער.

"די טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס Kew Gardens אינטערטשעינדזש פראיעקט איז געווען א מאסיווע אונטערנעמונג וואס האט זיך באנוצט מיט נייע ערפינדונגען און טעכנאלאגיע צו פארבעסערן די טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור אין קווינס — דאס אלעס בשעת'ן רעדוצירן שאסייען וואס גיסן זיך צוזאם צו איין שמאלע פלאץ און העלפנדיג טראפיק זיך רוקן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צו אנערקענט ווערן אויף א נאציאנאלע שטאפל פאר די ארבעט איז אן עדות איבער אונזערע באמיאונגען צו מאכן די לעבנס פון ניו יארקער בעסער. איך באדאנק די אמעריקאנע אסאָסיעישען פון סטעיט הייוועי און טראנספארטאציע בעאמטע פאר די אנערקענונג, און איך שיק מיינע טיפע וואונטשן פאר די גאנצע ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט מאנשאפט פאר זייער שווערע ארבעט אויף דעם פראיעקט."

ווערנדיג געספאנסארט דורך די אמעריקאנע אסאָסיעישען פון סטעיט הייוועי און טראנספארטאציע בעאמטע ( American Association of State Highway and Transportation Officials, AASHTO), דורך AAA און דורך די פאראייניגטע שטאטן טשעימבער אָוו קאמערס — אנערקענט די אמעריקע'ס טראנספארטאציע אויסצייכענונגען פארמעסט די פראיעקטן און פראגראמען וואס מאכן זייערע קאמיוניטיס פאר בעסערע פלעצער צו וואוינען, ארבעטן און פארברענגען. יעצט אין די 16'טע יאר, העלפן די אויסצייכענונגען ארויסווייזן פארוואס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור איז אזוי קריטיש.

דער 739 מיליאן דאלארדיגער Kew Gardens אינטערטשעינדזש פראיעקט אין קווינס, וואס איז פארענדיגט געווארן סוף 2022, האט פונדאסניי אויסגעשטעלט איינס פון די מעטראפאליטען ראיאן'ס מערסט-פארנומענע שאסייען, ערלויבנדיג דערמיט צו אדורכפארן שנעלער, זיכערערהייט ארויפקומען אויף- און אראפגיין פון די שאסיי און מער פארלעסליכע וועגן פאר די הונדערטע טויזנטע ארבייטער, רייזנדע און לאקאלע ביזנעסער וועלכע באנוצן זיך דערמיט טעגליך צו אנקומען צו די דזשאן פ. קענעדי אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, צו די לאגוארדיע לופטפעלד און צו אנדערע וויכטיגע דעסטינאציעס אריבער די ראיאן. דער Kew Gardens אינטערטשעינדזש פראיעקט האט אויך לעצטנס געוואונען א נאציאנאלע אנערקענונג אויסצייכענונג (National Recognition Award) אין די אמעריקאנע קאונסיל פון אינדזשענירונג פירמעס'ס (American Council of Engineering Companies, ACEC) 'אינדזשענירונג אויסצייכענונגען' (Engineering Excellence Awards) פארמעסט וואס איז אנאנסירט געווארן דורך גאווערנער האקול אין אפריל פון 2023.

די 'בעסטע באנוץ מיט טעכנאלאגיע און ערפינדונגען' קאטעגאריע אנערקענט נייע טעכנאלאגיע און/אדער שעפערישע לייזונגען/נייע ערפינדונגען וועלכע ווערן גענוצט דורך א סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט אלץ טייל פון א טראנספארטאציע פראיעקט.אין אלגעמיין זענען געווען דריי קאטעגאריעס פאר די אויסצייכענונגען: 'אפעראציע אויסגעצייכנטקייט', 'קוואליטעט פון לעבן/קאמיוניטי אנטוויקלונג' און 'בעסטע באנוץ מיט טעכנאלאגיע און ערפינדונגען'.

נאך אלע ראיאנישע באגעגענישן זענען פארגעקומען דורכאויס די זומער וועלן די דריי פראיעקטן וואס האבן באקומען די העכסטע ציינן פון יעדע ראיאן אויסגערופן ווערן אלץ די "12 העכסטע" און דאן וועלן זיי ווייטער גיין זיך צו פארמעסטן פאר די צווי הויפט נאציאנאלע פרייזעס. די 'גרענד פרייז' געוואונער ווערט אויסדערוועהלט דורך אן אומאפהעניגע פאנעל פון ריכטער, און די 'מענטשן'ס אויסוואהל' אויסצייכענונג ווערט באשטימט דורך די ברייטע פובליקום וואס קען שטימען אויף די אינטערנעט. די געווינער וועלן אנאנסירט ווערן ביי די AASHTO יערליכע באגעגעניש אין אינדיאנאפאליס דעם נאוועמבער.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "דער טראנספארמאטיווער Kew Gardens אינטערטשעינדזש פראיעקט האט געפירט צו ווייניגער אנגעלייגטקייט און פארשטערקערטע זיכערהייט, בשעת'ן פארבעסערן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט און שטופן פאר טראנספארטאציע דורך מערערע מיטלען. די אויסצייכענונג באלאנגט פאר די איבערגעגעבענע פרויען און מענער פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט וועלכע מאכן אזעלכע פראיעקטן פאר א מעגליכקייט און וועמען'ס קאנצענטראציע איז צו שטופן פאר זיכערע טראנספארטאציע פאר יעדן. אונזערע טיפע דאנקען פאר אמעריקע'ס טראנספארטאציע אויסצייכענונגען — עס איז אן עהרע צו האבן די Kew Gardens אינטערטשעינדזש אנערקענט אלץ א טראנספארמאטיווע, קלימאט-אחריות'דיגע פראיעקט וואס האט געטוישט א טראנספארטאציע סיסטעם צום גוטן, אין קווינס און ווייטער דערפון."

באזוכט https://americastransportationawards.org/ צו לערנען מער איבער די היי-יאריגע נאמינירטע פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די Kew Gardens אינטערטשעינדזש.

###

זיך ארויסשרייבן